# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת בהעלותך, כ"א סיון, אבות פרק ב', שנת תש"פ לפ"ק
שנה 9, גליון 38 (452)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:13
מוצאי שב"ק....................9:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................ישעיה נ"ו-נ"ז
בבלי.........................שבת צ"ט
ירושלמי..................יומא י"ב
תוספתא.......................שבת ד'
רמב"ם.......................ממרים ז'

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים רַע בְּאָזְנֵי ה'

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט, אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זַ"ל, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, פַאֲרְוָואס הָאט עֶר אַ בִּיטֶער מַזָל, פַאֲרְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, פַאֲרְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, פַאֲרְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט פְרֶעגְן, "פַאֲרְוָואס? פַאֲרְוָואס? פַאֲרְוָואס?".

דֶער חָפֵץ חַיִּים זַ"ל הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מִיט זַיינֶע קַשְׁיוֹת, "פַאֲרְוָואס, פַאֲרְוָואס" וְכוּ' וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, דוּ בִּיסְט צוּגֶעגְלִיכְנְט ווִי אַ גַאסְט וָואס קוּמְט אַרַיין שַׁבָּת אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, אוּן עֶר זֶעט ווִי דֶער גַבַּאי רוּפְט אוֹיף צוּ אַן עֲלִיָּה אֵיינֶעם וָואס עֶר זִיצְט אִין מַעֲרִיב זַייט, אֵיינֶער וָואס עֶר זִיצְט אִינְמִיטְן, אֵיינֶער וָואס עֶר זִיצְט אִין דָרוֹם, אֵיינֶער וָואס עֶר זִיצְט אִין צָפוֹן, אֵיינֶער וָואס עֶר זִיצְט פָאֲרְנְט. נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען גֵייט עֶר צוּ אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם גַבַּאי'ן, זָאגְט מִיר נָאר, אִיךְ בֶּעט אַייךְ, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַאֲרְוָואס הָאט אִיר אוֹיסְגֶעקְלִיבְן נָאר דִי מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן אַן עֲלִיָּה, וָואס אִיז אֵייעֶר חֶשְׁבּוֹן? הָאט אִים דֶער גַבַּאי גֶעעֶנְטְפֶערְט, דוּ בִּיסְט נָאר אַ גַאסְט, דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל בִּיסְטוּ דָא, וֶוען דוּ זָאלְסְט זַיין דָא אַ חוֹדֶשׁ, אָדֶער אַפָּאר חֳדָשִׁים, וָואלְסְטוּ גֶעזֶען אַז אַלֶעס אִיז רֶעכְט, דִי וָואךְ גֶעב אִיךְ דִי מֶענְטְשְׁן אַן עֲלִיָּה, אַן אַנְדֶערֶע וָואךְ גֶעב אִיךְ דִי מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע וָואךְ גֶעב אִיךְ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, קוּמְסְט אֵיין מָאל ווִילְסְטוּ שׁוֹין אַלֶעס ווִיסְן?

הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט: אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אוֹיף דֶעם וֶועלְט זִיבֶּעצִיג-אַכְצִיג יָאר, אוּן עֶר אִיז הוֹילֶע קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים... וֶוען עֶר זָאל לֶעבְן טוֹיזְנְט יָאר וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת. פַאֲרְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה? אֶפְשָׁר אִין דֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל בִּיסְטוּ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעגֶעבְן קַיין צְדָקָה? פַאֲרְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אָדֶער פַאֲרְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער? אֶפְשָׁר אִין דֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל הָאסְטוּ מְצַעֵר גֶעוֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן? וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעלֶעבְּט טוֹיזְנְט יָאר וָואלְט אַסַאךְ קַשְׁיוֹת פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, נָאר וַוייל דוּ לֶעבְסְט נָאר אַ קוּרְצֶע צַייט, ווִי ווִילְסְטוּ מֶען זָאל דִיר פַארֶענְטְפֶערְן דִי אַלֶע קַשְׁיוֹת?

דָאס אִיז נִישְׁט סְתָם אַ מַעֲשֶׂה'לֶע, דָאס אִיז אַ לִימּוּד אִין לֶעבְן, אַ אִיד טָאר נִישְׁט פְרֶעגְן 'פַאֲרְוָואס', וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט "לָמָּה, יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם", אַ גוֹי פְרֶעגְט 'פַאֲרְוָואס', אַ אִיד זָאגְט אַזוֹי דַארְף דָאס זַיין, "כָּכָה" (תְּהִילִים קמ"ד, ט"ו), "אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לוֹ". עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, "אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לוֹ" - "ווִי אַזוֹי? אָט אַזוֹי", עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְזֶערֶע לַייט דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוּן קַיין שׁוּם סְפֵיקוֹת אוֹיפְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶס זָאל זַיין בַּיי אוּנְז אַלֶעס רֶעכְט.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶער אוֹיף מִיט דַיינֶע קַשְׁיוֹת, וָואס דָאס קוּמְט נֶעבֶּעךְ פוּן דַיינֶע חֲטָאִים, וָוארוּם וֶוער ס'זִינְדִיגְט - בִּפְרַט מִיט חַטְאוֹת נְעוּרִים וְכוּ' - דֶער אִיז הוֹילֶע קַשְׁיוֹת, עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט קְלִיפּוֹת וָואס זֵיי טוּעֶן אִים פִינְסְטֶער מַאכְן דִי אוֹיגְן, בִּיז עֶר זֶעט נִישְׁט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ מִכְתָּב צ"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לָשׁוֹן הָרַע

דֶער אִיסוּר פוּן רֶעדְן אוּן הֶערְן לָשׁוֹן הָרַע אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ. חֲזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ט"ו:) אַז לָשׁוֹן הָרַע אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת. נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (פְּסָחִים קי"ח) אַז אֵיינֶער וָואס רֶעדְט אָדֶער הֶערְט אוּן נֶעמְט אָן לָשׁוֹן הָרַע, אִיז רָאוּי עֶר זָאל גֶעוָוארְפְן וֶוערְן פַאר דִי הִינְט. דָאס אִיז וַוייל דָאס אִיז דִי סֶדֶר פוּן הִינְט אַז זֵיי בִּילְן שְׁטֶענְדִיג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז דֶער וָואס אִיז פַארְנוּמֶען מִיט לָשׁוֹן הָרַע'ס, עֶר אִיז אֵייבִּיג פַארְנוּמֶען צוּ בִּילְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס זַיין עוֹנֶשׁ.

לֵיידֶער וֶוערְט יֶעדֶער נִכְשָׁל אִין דֶעם, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער וֵוייניגֶער. דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא בַּתְרָא קס"ה.) אַז יֶעדֶער וֶוערְט נִכְשָׁל אִין לָשׁוֹן הָרַע, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען יָא נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי הַארְבֶּע זַאךְ, אִיז נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה. צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין קַיין לָשׁוֹן הָרַע. אוּן נָאר מִיט דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם.

דִי בֶּעסְטֶע אִיז וֶוען מֶען טוּט דָאס אִינְדֶערְפְרִי, גְלַייךְ נָאכְן זָאגְן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה לֵייגְט מֶען צוּ אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן דֶעם טָאג אִין לָשׁוֹן הָרַע.

אוּן מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְרָאכְן וֶוערְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען אִיז יָא דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט לָשׁוֹן הָרַע, נָאר זִיךְ

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער זוּמֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוּן מֶען דַארְף גְרוֹיס רַחֲמִים אַז מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעווּאוֹינְט אוֹיף דֶעם גַאס וואוּ עֶס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶער מַארְק; עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאלְטְן דִי פֶענְסְטֶער אוּן פוּרְהַאנְג פַארְמַאכְט אוּן עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פֶענְסְטֶער קוּקְן וָואס טוּט זִיךְ אִין גַאס. אֵיינְמָאל זִיצְנְדִיג אִין שְׁטוּבּ בְּשְׁעַת'ן שְׁרַייבְּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה הָאט עֶר גֶעהֶערְט הוֹיכֶע קוֹלוֹת פוּן גַאס - אַנְדֶערְשׁ ווִי גֶעוֶוענְלִיךְ, הָאט עֶר אַרָאפּ גֶעלֵייגְט דֶעם פֶעדֶער אוּן גֶעוָואלְט גֵיין קוּקְן וָואס עֶס גֵייט פָאר, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ גֵיין קוּקְן הָאט עֶר אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם טִישׁ אוּן גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ אַלֵיין: "נָתָן נָתָן... אֵיין קוּק וֵויינִיגֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז פָארְט בֶּעסֶער", אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק אַרָאפּ גֶעזֶעצְט.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת אִיז אַז מִיר זָאלְן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשי"פ)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## דַארְף מֶען רֶעדְן שֵׁיין אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי קִינְדֶער?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א שְׁרַייבְּט יֶעדֶע וָואךְ, אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער לֵיינֶען יֶעדֶע וָואךְ דֶעם קוּנְטְרֵס ״עֲצָתוֹ אֱמוּנָה״, מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ דֶערְמִיט, אוּן מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ לֶעבְּן אוֹיף דֶעם וֶועג, הַלְוַאי זָאל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א שְׁרַייבְּן מֶער בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטִיקְל וִיכּוּחַ מִיט מַיין וַוייבּ אִיבֶּער וֶוען מְ׳בֶּעט עֶפֶּעס פוּן אַ קִינְד אוֹיבּ מְ׳זָאל זָאגְן ״בִּיטֶע״ אוּן ״יְיַשֵּׁר כֹּחַ״. אִיךְ הַאלְט אַז וֶוען עֶלְטֶערְן בֶּעטְן עֶפֶּעס פוּן אַ קִינְד דַארְף מֶען נִישְׁט בֶּעטְן מִיט ״בִּיטֶע״ אוּן מְ׳דַארְף זִיךְ נִישְׁט בַּאדַאנְקֶען, אָבֶּער מַיין וַוייבּ הַאלְט אַז יָא, ווַייל אִיךְ ווִיסְן וָואס דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אִיז.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט ווִאוּנְטְשְׁן אַ מַזָּל טוֹב צוּם גֶעבּוּרְט פוּן אֵייעֶר אֵיינִיקְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן פִיל אִידִישׁ נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף דִי בִּילְדֶער פוּנֶעם בְּרִית אַז אִיר זֶענְט גֶעוֶוען ״קְוַואטֶער״, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ סְ׳אִיז דָא אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער עִנְיָן צוּ זַיין קְוַואטֶער, אוּן וָואס אִיז דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳ - עֶרֶב יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, ה׳ סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט חִיזּוּק פוּן דִי בְּרִיוו; דוּ אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי בְּרִיוו. ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין דִי בְּרִיוו אִיז נִישְׁט מַיינְ׳ס, אַלֶעס אִיז גֶענוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״ וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ שְׁרַייבְּן מֶער, אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן צוּ שְׁרַייבְּן אוּן עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע בְּרִיוו וָואס וַוארְטְן אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער.

בְּנוֹגֵעַ צִי מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ קִינְדֶער וְכוּ׳; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ, בִּפְרַט וֶוען זִי אִיז גֶערֶעכְט מִיטְ׳ן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי קִינְדֶער. מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען אוּן זִיכֶער צוּ דִי קִינְדֶער, ווַייל ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער אַזוֹי וֶועלְן זֵיי רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע. קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי שֵׁיין אוּן מֶען בַּאדַאנְקְט זִיךְ פַאר זֵיי, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נו:): ״שׁוּתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא - אוֹ דַּאֲבוּהָ אוֹ דְּאִימֵּיהּ״, וָואס אַ קִינְד רֶעדְט, אִיז עֶס אָדֶער פוּן דִי טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע; חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין, ווִי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ - וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער אִים נָאכְמַאכְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, וַיִּשְׁלַח, ז) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לד, א): ״וַתֵּצֵא דִינָה בַּת לֵאָה״, דִינָה אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זִיךְ דְרֵייעֶן אִין דִי גוֹיְ׳שֶׁע גַאסְן, פַארְוָואס רוּפְט מֶען אִיר ׳בַּת לֵאָה׳ - דִי טָאכְטֶער פוּן לֵאָה, פַארְוָואס נִישְׁט דִי טָאכְטֶער פוּן יַעֲקֹב? נָאר ווִיבַּאלְד זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין דִי וֶועג פוּן אִיר מַאמֶע, זִי הָאט גֶעזֶען אִיר מַאמֶע אַרוֹיסְגֵיין אִין גַאס אִיז זִי אוֹיךְ אַרוֹיס אִין גַאס, פוּן דֶעם זֶעט מֶען וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן: ״כְּאִמָּהּ- בִּתָּהּ״, אַזוֹי ווִי דִי מַאמֶע פִירְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן זִיךְ דִי קִינְדֶער.

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, מַאךְ נִישְׁט קַיין וִיכּוּחִים. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ זָאגְן: ״מִיט אַ פְרוֹי גֵייט מֶען נִישְׁט אִין וִיכּוּחִים״; בִּפְרַט אִין דַיין פַאל אִיז זִי דָאךְ גֶערֶעכְט, אַוַדַאי דַארְף מֶען זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוּן שֵׁיין רֶעדְן צוּ זֵיי.

בְּנוֹגֵעַ קְוַואטֶער וְכוּ׳; עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן קְטֹרֶת (אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן [כְּרִיתוֹת ו:] דֶער לָשׁוֹן פוּן קְטוֹרֶת אִיז דָבָר שֶׁ׳קוֹטֵר׳ וְעוֹלֶה), הֱיוֹת אַ בְּרִית אִיז אַזוֹי ווִי מַקְטִיר זַיין קְטוֹרֶת, פוּן דֶעם אִיז דֶער וָוארְט קְוַואטֶער. עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז קְוַואט-טֶער אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן כָּבוֹד- טִיר, אַז דֶער כִּיבּוּד אִיז בַּיים טִיר וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם קִינְד. עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אַסַאךְ סְגוּלוֹת אִין דֶעם, עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶס אִיז מְסוּגָּל פַאר קִינְדֶער, עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶס אִיז מְסוּגָּל פַאר עַשִׁירוּת.

**אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא א׳ תש״פ)

>>>>>>

שְׁטַארְקְן כָּאטְשׁ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרַע. וַוייל יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן רֶעדְן אַ לָשׁוֹן הָרַע אִיז שׁוֹין זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, אֵיין וָוארְט לָשׁוֹן הָרַע וֵוייניגֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען יֶעדֶע מָאל בַּאזוּנְדֶער פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אוּן נִישְׁט רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען אַז וֶוען אֵיינֶער קוּמְט זָאגְן אַ לָשׁוֹן הָרַע וֶוערְט עֶס גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען. אֲפִילוּ וֶוען דֶער לָשׁוֹן הָרַע אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס מֶען קֶען אִים, אוּן מֶען הָאט אֵייבִּיג גֶעווּאוּסְט אַז עֶר אִיז עֶרְלִיךְ אוּן גוּט. וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אָבֶּער מִיט אַ גוּטֶע לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף יֶענֶעם וֶועט מֶען עֶס גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט דָאס אַז עֶס זָאל זַיין אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן אַ לָשׁוֹן הָרַע, אוּן אַז מֶען זָאל עֶס גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען. מֶען טָאר זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אָנְנֶעמֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צְוֵוייטְן אִיד, אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּאֱמֶת דַארְף זִיךְ אַ אִיד צוּגֶעווּאוֹינֶען נִישְׁט צוּ דַארְפְן אֵייבִּיג הֶערְן אַלֶעס. אֵיינֶער וָואס מוּז זִיךְ אִיבֶּעראַל אַרַיינְשְׁטֶעקְן זַיין קָאפּ, עֶר מוּז אַלֶעס הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן, אַזַא אֵיינֶער אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ הֶערְן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן. אוּן אֵיינְמָאל מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, דַאן גֵייט עֶס אַרַיין אִין הַארְץ אַרַיין. וֶוערְטֶער הָאבְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ, וֶוען מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, אֲפִילוּ אוֹיף דִי מִינוּט זֶעט אוֹיס אַז מֶען הָאט עֶס נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, גֵייט עֶס אָבֶּער אַרַיין אִין מֹחַ, אוּן דָאס קֶען נָאכְדֶעם שָׁאטְן פַארְן מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (יִתְרוֹ עה:) ״מַאן דְאָדְנוֹי רַבְרְבִין, טִפְּשָׁא בְּלִיבֵּיהּ״ - וֶוער עֶס הָאט גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טִפְּשׁוּת אִין זַיין הַארְץ. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְן גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, זֵיי דַארְפְן אִיבֶּעראַל אַרַיינְשְׁטֶעקְן זֵייעֶר אוֹיעֶר, זֵיי דַארְפְן אַלֶעס הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סִימָן פוּן חָכְמָה נָאר פוּן טִפְּשׁוּת. אַן אֱמֶתְ׳עֶר חָכָם, זִיצְט זִיךְ אִין זַיין ווִינְקְל אוּן עֶר שְׁטוּפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִיבֶּעראַל, עֶר וֵוייסְט אַז וָואס עֶר דַארְף הֶערְן - וֶועט עֶר מִמֵּילָא הֶערְן, אוּן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט הֶערְן - אִיז טַאקֶע בֶּעסֶער אַז עֶר זָאל עֶס נִישְׁט הֶערְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י״ג) וֶועגְן דֶעם טוֹיבְּן בֶּעטְלֶער, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זִי״ע הָאט אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן שְׁוַואךְ גֶעקֶענְט הֶערְן. הָאט עֶר דַאן גֶעזָאגְט: ״פַארְוָואס דַארְף אִיךְ גוּט הֶערְן? וָואס אִיךְ ווִיל זָאגְן - זָאג אִיךְ, אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט - אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט, מִמֵּילָא פַארְוָואס דַארְף אִיךְ הֶערְן?״

דֶער צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זִי״ע, דֶער זֵיידֶע פוּן רֶבִּי׳ן, הָאט גֶעהַאט דִי מִידָּה אַז עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהֶערְט אַ זַאךְ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט הֶערְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען ווַייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל צוּקוּמֶען צוּ דֶעם צוּ הֶערְן נָאר וָואס עֶר דַארְף.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ תַּלְמִידִים פַאר זַיין רֶבִּי׳ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי״ע, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דַאן גֶערֶעדְט צוּ דִי אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער, אוּן זֵיי הָאבְן גֶעזֶען ווִי רֶבִּי נַחְמָן בֵּייגְט זִיךְ צוּ אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ הֶערְן, עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען זֵייעֶר

<<<<<<

>>>>>>
אִינְטֶערֶעסַאנְט. הָאט זֵיי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: אִיר זָאלְט וִויסְן אַז עֶר הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעדְט יֶעצְט, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אַז עֶר זָאל מַמָּשׁ נִישְׁט הֶערְן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר הֶערְט עֶר נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאג יֶעצְט, אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מַיין מוֹיל שָׁאקְלְט זִיךְ הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ קֶענֶען הֶערְן.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען צוּ הֶערְן אוּן רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן אִיז נָאר וַוייל עֶר גֵייט לֵיידִיג. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט לֵיידִיג, עֶר טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, פִּילְט עֶר נִישְׁט קַיין סִיפּוּק אִין לֶעבְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַז עֶר זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר הָאפְט אַז אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען זַיין סִיפּוּק. אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין סִיפּוּק, מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט לֶערְנֶען, מִיט דַאוֶונֶען, אוּן מִיט טוּן מִצְוֹת, דָאס בְּרֶענְגְט יָא סִיפּוּק פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן אֵיינְמָאל מֶען בַּאקוּמְט סִיפּוּק פוּן גוּטֶע זַאכְן פֶעלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן אוּן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט הֶערְן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן שְׁטֶענְדִיג. וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק ה' וְחֵלֶק י"ב עֶרֶךְ לָשׁוֹן הָרַע, וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ שְׁמִיעָה)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (סז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער וֶוערְן פַארְכַאפְּט אוֹיף אַן אַרַאבִּישֶׁע מִלְחָמָה שִׁיף, אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט טְרָאגְט דֶעם שִׁיף קַיין אַדַאל, וואוּ ס'אִיז אַ מִצְוָה בַּיי זֵיי צוּ מַקְרִיב זַיין אִידְן פַאר קָרְבָּנוֹת, זֵיי פַארְשְׁלִיסְן זִיךְ אִין זֵייעֶר שְׁטוּבּ אוֹיפְ'ן שִׁיף.**

**רפז**

דִי שִׁיף אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַדַאל פַאר דְרֵיי טֶעג, דֶער קַאפִּיטַאן הָאט אֶפְשָׁר גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן דָארְט נָאךְ לֶענְגֶער, אָבֶער פְּלוּצְלִינְג אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט וָואס הָאט אָפְּגֶעריסְן דִי שְׁטְרִיקְן פוּן דִי אַנְקֶערְס, דִי אַנְקֶערְס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אִין יַם, אוּן דִי שִׁיף אִיז אַלֵיין אַוֶועקְגֶעשְׁוִוימֶען פוּן דָארְט.

ס'אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַ גְרוֹיסֶע גֶעשְׁרֵיי אוּן גֶעפִּילְדֶער צְווִישְׁן דִי אַרַאבֶּער אוֹיפְ'ן שִׁיף, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן "הַאמַאן הַאמַאן", דָאס מֵיינְט "גֶעוַואלְד גֶעוַואלְד".

דִי שִׁיף אִיז אַזוֹי גֶעפָארְן אָן קַיין קָאנְטְרָאל ווִילְדֶערְהֵייט אוֹיפְ'ן יַם דִי גַאנְצֶע נַאכְט, בִּיז אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דִי שְׁטוּרֶעם ווִינְט הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטִילְט. זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ אַז דֶער וֶועטֶער הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט, אָבֶער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעפָארְן אוֹיפְ'ן גוּטְן רִיכְטוּנְג, דִי ווִינְט הָאט זֵיי צוּרִיק גֶעשְׁלֶעפְּט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי זֶענֶען ווִידֶער אָנְגֶעקוּמֶען בְּעֶרֶךְ אַ טָאג וַוייט פוּן שְׁטָאט עַכּוֹ.

**רפח**

נָאךְ אַ הַאלְבְּן טָאג הָאט ווִידֶער אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְט וָואס הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן דֶעם שִׁיף. דִי שִׁיף הָאט זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אוּן זִיךְ גֶעוָוארְפְן ווִילְדֶערְהֵייט אוֹיפְ'ן יַם פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג אוּן נֶעכְט אִין אַ צוּ, "יַעֲלוּ שָׁמַיִם יֵרְדוּ תְהוֹמוֹת", דִי ווִילְדֶע כְוַואלְיֶעס הָאבְּן גֶעוָוארְפְן דֶעם שִׁיף אוֹיף אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ, אוּן דֶער קַאפִּיטַאן אוּן דִי מַאטְרָאזְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ קָאנְטְרָאלִירְן דֶעם שִׁיף, "יָחוֹגּוּ וְיָנוּעוּ כַּשִּׁכּוֹר וְכָל חָכְמָתָם תִּתְבַּלָּע" (תְּהִלִּים ק"ז, כ"ז).

**רפט**

דָאנֶערְשְׁטָאג מִיטָאג, אוּם צְוֶועלְף אַזֵייגֶער, הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּשֶׁעפְּן דִי וַואסֶער וָואס הָאט פַארְפְלֵייצְט דֶעם שִׁיף, זֵיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן דִי וַואסֶער פוּנְ'ם דְרִיטְן אָפְּטֵיילוּנְג מִיט דִי פְּלָאמְפְּן, אַזוֹי ווִי דֶער סֵדֶר אִיז.

אִין גֶעוֶוענְלִיכֶע צַייטְן דַארְף מֶען הָאבְּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה אַ טָאג אַרוֹיסְצוּשֶׁעפְּן וַואסֶער,
<<<<<<

>>>>>>
בן מו"ה חיים הי"ו, פון קרית יואל, עב"ג בת מו"ה נתנאל אייזנער הי"ו, פון קרית טאהש קאנאדא. די שמחה איז געווען גאר גרויס, מ'האט זיך געפריידט און געטאנצן און משמח געווען די חתן כלה אויף א הערליכן פארנעם.

אזוי ווי ביי די פריערדיגע חתונות, האט די חתונה נאכט דאס מאל אויך נישט געקאסט קיין איין פרוטה פאר די מחותנים, און די חתן כלה זענען געווען זייער פרייליך חתונה צו האבן, אזוי ווי דער אייבערשטער האט געהייסן, אן דעם וואס דאס זאל דארפן מאכן א שווער הארץ מיט בלוטיגע חובות פאר די עלטערן. און נישט נאר בלית ברירה ווייל ס'איז "קאראנע צייטן", נאר זיי זענען זייער פרייליך לכתחלה חתונה צו האבן אויפ'ן קלענסטן און ביליגסטן וועג וואס שייך.

יעצט ווען מ'קריכט שוין ארויס ב"ה פון די שווערע קאראנע איבערלעבענישן, בעט מען דעם אייבערשטן אז אידן זאל האבן שכל און ווייטער מאכן שמחות אויף א פשוטן און ביליגן אופן, אזוי ווי מ'האט יעצט געזען אז מ'קען מאכן שמחות גרינג און ביליג, און ס'איז נאך שענער און מער פרייליך ווי ווען מ'ווארפט אזויפיל געלט אין די מיסט. ליידער הויבן זיך שוין יעצט ווידער אן די טייערע אויפרייסערישע שמחות, וואס ברענגען נאר אזויפיל צרות און פראבלעמען, און דעריבער איז א פרייד צו זען אז ס'איז דא קלוגע אידן וואס זוכן נישט צו אויסצוברענגען אידיש געלט אויף נארישקייטן, זיי ווייסן און געדענקען אז די סיבה פארוואס מ'מאכט חתונה איז ווייל דאס איז דער רצון ה', אז מ'זאל אויפשטעלן אידישע דורות, נישט אז אלע קרובים און פריינט זאלן זען ווי מעכטיג און געלונגען מ'איז.

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, מיט פיל אידיש נחת, דורות ישרים ומבורכים.

**ויזכו לבנות בית נאמן בישראל!**



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען זִיךְ אַ חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן לֶעבְן?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט לֶעצְטְנְס בַּיי אַ שִׁיעוּר וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט פוּן זַיין בַּאבֶּע, וִוי אַזוֹי זִי הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְטְ'ס קְרִיג, טְרָאצְ דִי גָאר שְׁוֶוערֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶען, וָואס זִי אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אִין אוֹישְׁוִויץ וואוּ זִי הָאט גֶעזֶען דָאס גֵיהִנּוֹם, אוּן זִי הָאט אַלְץ גֶעזָאגְט אַז זִי הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט וַוייל זִי הָאט גֶעוָואלְט לֶעבְן.

בַּיי מִיר אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַלֶעס גוּטְס אִין לֶעבְן, עֶס גֵייט מִיר זֵייעֶר גוּט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן ווִיל אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט לֶעבְן. וֶוען אִיךְ טְרַאכְט פוּן מַאכְן אַ סוֹף צוּ מַיין לֶעבְן, קֶען אִיךְ עֶס נִישְׁט טוּן נָאר וַוייל אִיךְ טְרַאכְט פוּן מַיין מַאן, פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, וִוי אוֹיךְ צִיטֶער אִיךְ אוֹיבּ דָארְט וֶועט מִיר נִישְׁט זַיין עֶרְגֶער. אִיךְ לֶעבּ נָאר מִיט דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין פִּרְקֵי אָבוֹת "בַּעַל כָּרְחֵךְ אַתָּה חַי".

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ טַעַם אוּן אַ ווִילְן צוּ לֶעבְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיר דַארְפְט אֵיין זַאךְ: "זַיין פְרֵיילִיךְ"; אַז אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט. מִיר הָאבְּן אַ מִצְוָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן – צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַוֶועק צוּ לוֹיפְן פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; אַז דֶער רֶבִּי הֵייסְט דַארְף מֶען פָאלְגְן.

פְּרוּבִּירְט דִי עֵצָה פוּן תְּפִילָה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פוּן תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, פְּרוּבִּירְט דִי עֵצָה; בֶּעטְס יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ אַז אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיר זָאלְט הַנָּאָה הָאבְּן פוּן דִי וֶועלְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן – דַאן וֶועט אִיר וֶוערְן אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע, אִיר וֶועט ווֶעלְן לֶעבְן צוּ קֶענֶען טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַאנְצְט יֶעדְן טָאג מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער, דָאס וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען שִׂמְחָה אִין אַייךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן ח): "עַל־יְדֵי הָרִקּוּדִין וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁאַתָּה עוֹשֶׂה בַּגּוּף, נִתְעוֹרֵר לְךָ שִׂמְחָה", דוּרְךְ טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ; זִינְגְט אוּן טַאנְצְט, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיר אַייךְ, וֶועט אִיר וֶועלְן לֶעבְן, אִיר וֶועט הַנָּאָה הָאבְּן פוּנֶעם לֶעבְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תש"פ)



**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 3# 718-387-2691**

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>
יֶעצְט אָבֶּער הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְנֶעמֶען דָאס וַואסֶער אִינְמִיטְן טָאג, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן בִּיז בַּיינַאכְט, סְ'אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען גָאר אַסַאךְ וַואסֶער אִינֶעם שִׁיף, דִי וַואסֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיךְ צוּם רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ, זֵיי הָאבְּן מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט לִיגְן אוֹיפְ'ן בֶּעט וַוייל דִי וַואסֶער אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז אַהִין, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַארְפְט אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיף עֶפֶּעס אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ זִיךְ דָארְט אַרָאפְּצוּלֵייגְן, אוּן ר' יִצְחָק אִיז אוֹיךְ עֶרְגֶעץ אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען. אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ הָאבְּן זֵיי אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז דִי אַרַאבֶּער זָאלְן זֵיי זֶען.

דִי וַואסֶער אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאט זִיךְ פַארְמֶערְט מֶער אוּן מֶער, בִּיז דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן גֶעמוּזְט אוֹיסְרַייסְן דִי פְּלָאמְפְּן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט רֶעדְלֶעךְ אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעשֶׁעפְּט דָאס וַואסֶער מִיט גְרוֹיסֶע כֵּלִים. דֶערְוַוייל הָאט דֶער שְׁטוּרֶעם וְוינְט זִיךְ נָאךְ מֶער גֶעשְׁטַארְקְט, דִי כְוַואלְיֶעס אוֹיפְ'ן יַם זֶענֶען אַרוֹיף כִּמְעַט בִּיזְ'ן הִימְל, סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט אוֹיפְ'ן יַם אַזוֹי וְוי רִיזִיגֶע בֶּערְג אוּן טִיפֶע טָאלְן, אַזוֹי הָאט עֶס אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר דִי גַאנְצֶע נַאכְט.

וֶוען דִי זוּן הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט אִיז ר' יִצְחָק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד, אוּן דָאס מַאכְט מִיר מַמָּשׁ שְׁוֶוער אוֹיפְ'ן הַארְץ. אִיךְ שְׁפִּיר אַז מִיר זֶענֶען יֶעצְט אִין אַ גֶעפֶערְלִיכֶע סַכָּנָה, סְ'אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶע מַעֲשֶׂה דָא, אֲפִילוּ אִיךְ זֶע נִישְׁט וָואס זֵיי טוּעֶן אִינְדְרוֹיסְן, אָבֶער מַיין הַארְץ זֶעט יָא". ר' יִצְחָק הָאט עֶס אָבֶער אָפְּגֶעלֵייקֶנְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם רֶבִּי'ן, "הָאט נִישְׁט מוֹרָא, אַלֶעס אִיז בָּרוּךְ ה' אִין אָרְדֶענוּנְג".

**רצ**

דֶערְנָאךְ אִיז ר' יִצְחָק גֶעגַאנְגֶען קוּקְן וְוי מְ'שֶׁעפְּט דָאס וַואסֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז סְ'אִיז דָא אוֹיפְ'ן שִׁיף וְוי אַ גֶעהֶערִיגֶע טַייךְ מִיט קְלֵיינֶע כְוַואלְיֶעס, גֶעוֶוענְלִיךְ קֶען דִי שִׁיף הַאלְטְן צְוֵויי חֲלָקִים פוּן גֶעפֶּעק, אָבֶער יֶעצְט הָאבְּן זֵיי שׁוֹין אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אַלֶע פֶּעקְלֶעךְ אִין וַואסֶער, אוּן דִי שִׁיף אִיז אָנְגֶעלָאדְנְט בְּלוֹיז מִיט וַואסֶער, אוּן דִי וַואסֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ מֶער פוּן וִויפִיל דִי שִׁיף קֶען הַאלְטְן, דָאס הָאבְּן זֵיי יֶעצְט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּשֶׁעפְּן, אָבֶער וִויפִיל זֵיי הָאבְּן גֶעשֶׁעפְּט אוּן אַרוֹיסְגֶעגָאסְן, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט נָאכְקוּמֶען מִיט דִי אַרְבֶּעט.

דַאן הָאט ר' יִצְחָק אָנְגֶעהוֹיבְּן רִיכְטִיג צוּ בַּאגְרֵייפְן דֶעם שְׁוֶוערְן מַצָּב, אַז בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע אִיז נִישְׁטָא מֶער אַ וֶועג אַרוֹיס לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט פוּנֶעם שִׁיף. עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶר שְׁטוּבּ מִיט גְרוֹיס פַּחַד, אוּן עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזֶען הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט, "וָואס גֵייט פָאר? הָאסְט דָאךְ פְרִיעֶר גֶעזָאגְט אַז אַלֶעס אִיז גוּט, אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ וְוי דוּ וַוארְפְסְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר שְׁרֶעק?", עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע אִיז נִישְׁטָא מֶער קַיין וֶועג זֵיי זָאלְן גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן, דִי וַואסֶער פִילְט אָן דֶעם שִׁיף מֶער אוּן מֶער, דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן הָאבְּן מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ שֶׁעפְּן, וַוייל סְ'אִיז שׁוֹין כִּמְעַט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרוּנְקֶען אָדֶער גֶעשְׁלָאפְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# $25,000 קעש ראפפעל ביים "פרוטה'לעך קאמפיין"

## כ"ט-ל' סיון הבעל"ט

די "25 מיליאן פרוטה'לעך" קאמפיין, גייט שוין אן מיט'ן פילן שוואונג זיך צוזאמצונעמען אינאיינעם ארויסצוהעלפן דעם ראש ישיבה שליט"א צו קענען ווייטער אנגיין מיט זיין הייליגע ארבעט.

אנשי שלומינו האבן זיך אנגערופן גאר ווארעם צום קאמפיין, מיט'ן נעמען א ציל אריינצוברענגען א געוויסע סומע צום קאמפיין. אינגעלייט שפרין אז זיי זענען שולדיג א גרויסער חוב פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אויף אלעס וואס זיי באקומען פון אים כסדר, און יעצט קענען זיי אביסעלע ארויסווייזן אן הכרת הטוב מיט'ן אים העלפן קענען ווייטער אנגיין מיט זיין עבודת הקודש מיט א רואיגקייט אן צו דארפן שלעפן דעם שווערן לאסט פון חובות.

דער קאמפיין וועט לויפן אין אן אפשניט פון בלויז 36 שעה, דעם קומענדיגן כ"ט און ל' סיון, וואס קומט אויס קוים אין א וואך ארום, זונטאג און מאנטאג פרשת קרח [אין ארץ ישראל פרשת חקת], ווען אידישע קינדער וואס האבן געפיל צו די געוואלדיגע פעולות פונעם ראש ישיבה שליט"א, וועלן זיך אנשטרענגען און זיכער מאכן אז מ'זאל אנקומען צום ציל. פילע אינגעלייט ווארטן נישט אויף די לעצטע מינוט, נאר ברענגען שוין יעצט אריין גרעסערע סכומים פאר'ן קאמפיין.

פאר'ן בלויזן סכום פון $36 פאר'ן קאמפיין גייט מען אריין אין א ראפפעל צו געווינען $25,000 קעש, וואס וועט ווערן אויסגעראפפעלט אינעם נאכט פונעם קאמפיין.

זונטאג נאכט ביים קאמפיין וועט פארקומען קלענערע טיי אוונטס אין אלע היימישע געגענטער, וואו אנשי שלומינו וועלן זיך צוזאמנעמען אינאיינעם אנצורופן זייערע קרובים און באקאנטע זיי מזכה צו זיין ארויסצוהעלפן די הייליגע מוסדות. פרטים איבער די טיי אוונטס וועט געמאלדן ווערן קומענדיגע וואך אי"ה.

אויך די פרויען פון אנשי שלומינו האבן זיך צוזאמגענומען פאר די פרויען פארטי וואס וועט פארקומען דאס יאר אויפ'ן טעלעפאן, אלע פרויען זענען פארנומען צו רופן יעדן וועם זיי קענען, אריינצוברענגען ווי מער געלט פאר די הייליגע מוסדות, טייערע פרייזעס און גורלות וועלן זיין ביים טעלעפאן-פארטי פאר די וואס געבן א מינעמאלן סומע פאר די פארטי.

מיר אלע ווייסן וואס דער ראש ישיבה שליט"א טוט פאר אונז, און פאר אזויפיל אידישע קינדער איבער דער גארער וועלט, די שיעורים, ניגונים, בריוו, פונעם ראש ישיבה שליט"א קומען אן צו יעדן פארשטעקטן ווינקל איבער די אידישע וועלט, אזויפיל טויזנטער אידישע קינדער קומען צום אייבערשטן, שטארקן זיך אין אידישקייט, יעדער אויף זיין דרגה, מיט די ווארעמע חיזוק ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א, אין צוגאב צום גרויסן נעץ פון מוסדות התורה וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט אויפגעשטעלט, אז די קינדער, בחורים, און אינגעלייט, זאלן לעבן מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן, און קענען זיין ערליכע אידן נאמנים לה' ולתורתו.

ווי פארשטענדליך ציעט דאס אריין אין אומגעהויערע הוצאות וואס איז זייער שווער נאכצוקומען. און יעצט דארף דער ראש ישיבה שליט"א צוקומען צו אונזער הילף ער זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט זיין עבודת הקודש.

ווער ס'וויל ארויסהעלפן מיט'ן קאמפיין, נעמען א ציל וויפיל פרוטות ער וויל אריינברענגען, אדער צו מנדב זיין פאר'ן קאמפיין, קען מען זיך פארבינדען צום קאמפיין אפיס, דורכ'ן רופן דעם קול ברסלב טעלעפאן ליין, און דרוקן נומער 8.

ביים "קאמפיין אפטיילונג" אויף "קול ברסלב" קען מען אויך הערן די "חיזוק רופן" וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט לעצטנס אנגעהויבן צו שיקן טעגליך א קורצע מעסידזש פאר אנשי שלומינו, מיט חיזוק פאר'ן טאג. ווי אויך קען מען דארט הערן אלע אנטוויקלונגען פונעם קאמפיין, און נאך.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האפן מיר אז דער קאמפיין וועט געקרוינט ווערן מיט הצלחה, צו קענען אביסל פארגרינגען די שווערע לאסט וואס הויערט אויפ'ן ראש ישיבה שליט"א צו קענען דעקן די פילע הוצאות.

**פרוטה ופרוטה מצטרפת!**

***

## פרייליכע חתונה פון א תלמיד הישיבה

די וואך איז געגאנגען אונטער די חופה א חשובער תלמיד הישיבה, החתן משה יודא עקשטיין נ"ו,
<<<<<<


**מ'קען באקומען "עצתו אמונה" און "בית נצחי" וועכנטליך**
**אויף די פאסט איבער גאנץ אמעריקע**

**mail@kerenhadfusa.org 718-387-2691 #3**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **חיים עקשטיין** הי"ו
צו די שמחת החתונה פון זיין זון
החתן **משה יודא** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **נתנאל אייזנער** הי"ו
דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים

## מ'דארף דיך יא האבן

**קיינער קוקט נישט אויף מיין זייט, קיינער דארף מיר נישט האבן, וואס בין איך בכלל ווערד? מ'דארף דיך יא האבן!**
הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא:
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 2, 1, 6, 2, 24**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**